# צום פינטל

גליון יד
פרשת יתרו תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### לא תחמוד ולא תתאוה

#### ◆ ארײַן גײן אין יענעמס גבול

אין די עשרת הדברות שטייט די איסור פון 'לא תחמוד', און עס ווערט איבער גע'חזר'ט אין פרשת ואתחנן, וואס דארט לייגט די תורה צו, אויך די איסור פון 'לא תתאוה'.

די פוסקים זאגן (שלחן ערוך חו"מ סימן שנט י-יב) אז ס'איז דא דריי דרגות פון אריין גיין אין יענעמס גבולות, 'תאוה בלב' אפילו אן קיין מעשה, 'חמדה און הפצרה' וואס ווערט פארעכנט ווי א מעשה, און דערנאך קומט גזילה ממש, מ'ברעכט ממש אריין אין יענעמס גבולות. די התחלה איז מיט 'תאוה בלב', דערנאך איז מען 'מפציר' דעם מוכר, אדער מ'טוט אנדערע פעולות וואס זענען גורם אז די זאך זאל אנקומען צו דיר, און אויב ס'גייט נישט, קומט מען צו צו גנב'נען ממש.

שטייט (לשון שלחן ערוך דארטן) אז 'תאוה בלב' מיינט נישט סתם א הרהור פון א תאוה, נאר א ריכטיגע תאוה, א תאוה וואס איז 'נקבע בלב' מיט א שטארקע רצון, א תאוה וואס ברענגט צו טוהן למעשה, ס'ברענגט צו 'חמדה' און 'הפצרה' פונעם מוכר. ביי אזא תאוה איז מען עובר אויף 'לא תתאוה', ווייל דאס איז א תאוה וואס גייט צום סוף צוקומען, צו גזילה ממש. אויב די הפצרה וועט זיך נישט אויסארבעטן, וועט ער בודאי גיין ביז גזילה ממש.

בעומק ליגט אין דעם נאך מער, בעומק איז 'תאוה און חמדה' אליינס פארעכנט עטוואס ווי 'גזילה', ווייל די נקודה פון 'גזילה' איז די אריינגיין אין יענעמס גבולות, ביי 'תאוה' גייט מען אריין 'במחשבה' אין יענעמס גבול, ביי 'חמדה' גייט מען אריין 'במעשה', דורעך הפצרה אדער אנדערע פעולות, און ביי 'גזילה' איז מען ממש פורץ יענעמס גבולות אינגאנצן.

#### ◆ די תאוה פון גזילה

די טבע פון די בריאה איז, אז די באדערפענישן פונעם מענטש זענען פונדערווייטנס, און ס'פארלאנגט זיך אסאך כוחות און יגיעה זיי מקרב זיין צום מענטש. דער 'גנב' איז אבער פויל צו ארבעטן שווער, ער האט נישט די כוחות ארויסצוגיין ווייט, ער האט נישט די כוחות מחדש צו זיין עצות און געדאנקן ווי אזוי מקרב צו זיין זיינע צרכים, אים איז ליבערשט אריין צו גיין אין יענעמס יגיעה אריין, צו זאכן וואס זענען שוין נאנט צום מענטש, און זיך פון דעם אנפילן די טאשן.

אז מ'וועט פרעגן דעם 'גנב' צו ער טוט השתדלות פאר פרנסה, וועט ער געוויס ענטפערן אז יא, ער איז זיך דאך אזוי מוסר נפש פאר זיינע מעשה גניבות, אבער דער אמת איז אז דאס איז אלעס פאלשע 'השתדלות', די אמת'ע השתדלות איז נאר מיט א 'יגיעה טבעי', די טבעיות'דיגע וועג ווי אזוי דער אייבישטער האט אויסגעשטעלט די בריאה, אז דער מענטש לייגט אריין א 'יגיעה עצומה' מקרב צו זיין די פרנסה זיינער פונדערווייטן, נישט אז מ'רוקט אריין יענעמס יגיעה צו זיך אין טאש אריין.

און באמת פארדעם האט דער אייבישטער באשאפן די מעכטיגע חושים פון 'תאוה און חמדה', כדי אז דער מענטש זאל האבן די כוחות צו קענען ארויסגיין אזוי ווייט, ער זאל זיך קענען מעורר זיין און אדורעך ברעכן צו ערלעדיגען אזעלכע שווערע זאכן, וואס נאר דורעך די מעכטיגע הרגשים פון 'תאוה און חמדה', קען דער מענטש דאס אלעס אריבער קומען.

**די נקודה פון 'גזילה' איז די אריינגיין אין יענעמס גבולות, ביי 'תאוה' גייט מען אריין 'במחשבה' אין יענעמס גבול, ביי 'חמדה' גייט מען אריין 'במעשה', דורעך הפצרה אדער אנדערע פעולות, און ביי 'גזילה' איז מען ממש פורץ יענעמס גבולות אינגאנצן**

דער גנב אבער, ער האט נישט די כוחות צו נוצן די 'תאוה און חמדה' אויף די ריכטיגע פלאץ, ער קען זיי נישט מעורר זיין גענוג אז זיי זאלן קענען ארויסגיין אזוי ווייט צו די טבע הבריאה, ארויס גיין און דארטן דורעך ברעכן עפעס פאר פרנסה, זיינע חושים פון 'תאוה און חמדה' ארבעטן ביי אים נאר פונדערנאנט, גלוסטענדיג צו וואס ער זעהט ביי זיינע שכנים און אנדערע מענטשן, גלוסטענדיג צו זאכן וואס זענען שוין פונדערנאנט.

אמאל מיינט מען אז דער גנב איז א 'בעל תאוה' און א 'בעל חמדה', אבער באמת איז עס פונקט פארקערט, ס'פעלט אים שטארק די כוחות פון 'תאוה און חמדה', זיינע חושים פון תאוה און חמדה זענען נעבעך פארקריפלט, ער קען זיי נישט מעורר זיין מיט א אמת'ע גאול צו ערלעדיגן זיינע צרכים, זיי ווערן נעבעך נאר נתעורר פונדערנאנט, אריינקוקענדיג אין יענעמס גבולות אריין.

איז געב א קוק, א מענטש האט זיך מעורר געווען זיין 'תאוה און חמדה' ריכטיג, ער האט געהארוועט אויף זיין פרנסה מיט א מורא'דיגע יגיעה, און פלוצלינג קומט זיך דער גנב און ער וויל איבערנעמען יענעמס פארמעגען, צוזאמען מיט די כשר'ע תאוה און חמדה וואס ליגט באהאלטן אין דעם. דער 'גנב' וויל מיט זיין פאלטשע חמדה און תאוה, צו גנב'נען יענעמס כשר'ע תאוה און חמדה.

אבער די ספרים הקדושים זאגן שוין אז דאס וועט נישט האבן קיין קיום, ווייל א זאך וואס דער מענטש האט באקומען אויף א נישט ריכטיגע וועג, דורעך גניבה וכדו', אזא זאך האט נישט קיין אמת'ע קיום. א פאלטשע 'תאוה און חמדה' וועפט שנעל אויס, נאך א שטיק צייט ווערט עס פארמיסט ביי גנב אין די אויגען, און היות ער פארלירט די 'רצון' צו די זאך, אטעמאטיש פארלירט ער אויך די עצם זאך גופא.

אבער דאס וואס דער מענטש האט באקומען ערליך, האט ער דאך געמוזט מעורר זיין פארדעם א תאוה און חמדה בכשרות, און א אמת'ע 'תאוה און חמדה' וועפט נישט אזוי שנעל אויס, איז כל זמן די תאוה און חמדה האבן א קיום, וועט ממילא די זאך גופא אויך האבן ביי אים א קיום.

און ס'איז כדאי אנצומערקן, אז די פשוטע משל פון 'תאוה און חמדה' איז טאקע אין געלט זאכן, אבער בעצם איז עס יעדער מאל וואס מ'גייט אריין אין יענעמס גבולות, יעדעס מאל וואס מ'גלוסט און מ'איז מפציר צו יענעמס זאכן. אויב מען האט די רעכטן צו פארלאנגען פון יענעם, באיזה אופן שהיא, דאן גלוסטו דאך נישט צו יענעמס א זאך, די גלוסט צו דיין אייגענס. אבער טאמער האסטו נישט די רעכטען, ביסטו פשוט אריין אין יענעמס גבולות, וואס דאס אלעס וועט אריינגיין אין די כלל פון 'לא תחמוד', גליסטן דורעך תאוה און הפצרה.

און מיר וועלן צוענדיגען מיט די הייליגע ווערטער פונעם תורת המנחה (דרוש ד') לגבי די עשרת הדברות, "קומט אויס אז ער האט אנגעפאנגען מיט מצות הלב (אנכי), און ער האט געענדיגט מיט מצות הלב (לא תחמוד), און דער וואס היט אפ זיין הארץ, ער ווערט אפ געהיטן פון אלעס, ווי די פסוק זאגט (משלי ד כג) 'מכל משמר נצור לבך כי ממנו תוצאות חיים'". וואס ווי געשמועס איז 'לא תחמוד' באמת במעשה, נישט בלב, נאר די שורש פאנגט זיך מיט 'תאוה בלב', וואס דאס ברענגט נאך דעם צו 'הפצרה במעשה', און דערנאך ביז צו גזילה ממש.

# לומדים את ר' חיים

**הרבצת התורה בדיבור און בכתיבה**

## • צוויי וועגן אין הרבצת התורה

ס'איז דא צוויי וועגן פון הרבצת התורה, דורעך דיבור, אדער דורעך כתיבה. 'דיבור' גייט מיט הרגשים און איז פאסיג פאר שיעורים און דרשות, ארויסברענגענדיג די זאך מיט הארץ און געפיל, מיט א געשמאק און א התעוררות. אדער איז דא הרבצת התורה דורעך 'כתיבה', מ'שרייבט און מ'געט ארויס חידושי תורה, און דאס איז מער צוגעפאסט פאר איינער וואס איז נישט אזוי געפיליש, דוקא פאר א בעל שכל, פאר א איש סדרן.

דרשות און שיעורים גייען מיט די חושים פון דיבור און שמיעה, וואס פאר דעם דארף מען בעיקר הארץ אין געפיל, די ענין פון 'סדר' איז דארטן נישט אזוי וויכטיג, מ'דארף עטוואס סדר אביסל א 'ראש תוך סוף', אבער נישט דאס איז די עיקר, די דרשה מעג לויפן פון איין זאך צום צווייטן, זייענדיג מחובר מיט א כללות'דיגע רעיון און קליינע קשרים.

אבער ביים שרייבן און ליינען וואס גייט מיט די חוש הראיה, דארטן איז פונקט פארקערט, מ'דארף נישט דארטן די 'הרגשים' ווי ביי חוש השמיעה, אבער מ'דארף יא דארט שטארק די מסודר'דיגקייט. וויל ביים ליינען זעהט דער מענטש א גאנצע בילד, און ער דארף עס זעהן מורא'דיג מסודר מיט גוטע קשרים פון איין זאך צום צווייטן. וועגן דעם איז ביי הרבצת התורה דורעך כתיבה גאר וויכטיג די כח הסדר.

און יעדער פון די וועגען האט א מעלה, הרבצת התורה דורעך 'כתיבה' האט א מעלה אז ס'האט א קיום, טאקע ס'קען נעמען לענגער ס'זאל ווערן אנערקענט, ס'איז א לענגערע פראסעס, אבער פון דער אנדערע זייט האלט עס אויך אהן לענגער, ס'האט מער א קיום פאר די קומענדיגע דורות.

און אזוי אויך הרבצת התורה דורעך 'דיבור' האט א מעלה אז ס'איז מער א לעבעדיגע זאך, בשעת מעשה לעבט עס מיט מענטשן, מ'רעדט און מ'איז זיך מקשר, מ'זאגט א שיעור פאר שומעים זעהנ'דיג זייערע לעכטיגע פנימ'ער, וואס דאס אלץ איז נישט דא ביי 'כתיבה', וואס איז געוועהנטליך אליינס אהן די חיים פון אנדערע מענטשן. און וועגן דעם ווערט די כח הדיבור שנעלער אנערקענט ווי כתיבה, וויל ס'איז א לעבעדיגע זאך, ס'האט נישט די טויטקייט וואס איז דא ביי כתיבה.

## • אדער שרייבן אדער רעדן

ס'איז געווען אסאך צדיקים און גדולים וואס זייער עיקר נקודה איז געווען ב'דיבור', אנדערע בכתיבה, און געציילטע וואס האבן געהאט ביידע כוחות. אבער בדרך כלל גייען זיי נישט אזוי צוזאמען, איינס איז מער רגש, און איינס איז מער שכל, 'דיבור' גייט מיט די הרגשים און קשרים מיט אנדערע מענטשן, און 'כתיבה' גייט בעסער דוקא אליינס.

ס'ווערט געברענגט א מעשה פון די הייליגע חוות דעת, דער נתיבות. אז איינמאל איז די חוות דעת געווען אין לבוב (לעמבערג) און ער איז אריין צום רב שמועסן אין לערנען, איבערגעזאגענדיג פארן רב א שיינעם פלפול, האט די חוות דעת געזאגט וויסן זאלסטו, אז וואס איז זאג, שרייב איך נישט, און וואס איך שרייב זאג איך נישט, אז איך האב דיר עס געזאגט, וועל איך שוין מסתמא עס נישט שרייבן, נאר צוליב מיין אהבה צו אייך, בין איך גרייט געווען דערויף.

פשט איז אז דער אייבישטער האט באשאפן א 'כח הדוחה' אינעם מענטש, א כח וואס שטופט ארויס די חידושים אינדרויסן, דער מענטש איז נישט סובל אז זיין חידוש בלייבט פארמאכט אינדערוויניג. אבער די כח הדוחה שטופט נאר ארויס איינמאל, אדער דורעך 'דיבור' אדער דורעך 'כתיבה', און אויב ער האט עס שוין איינמאל ארויסגעשטיפט, ווערט ער שוין בארואיגט, און ס'גייט נישט נאכאמאל.

מ'זעהט ווי לדוגמא רבינו הגר"א זי"ע איז געווען כל כולו אין די כח הכתיבה, און אזוי אסאך ליטווישע גדולים, וואס זענען געווען שטארק אין כח הכתיבה, ווי רעק"א קצות נתיבות ועוד, שפעטער ביי די ראשי ישיבות טרעפט מען אסאך ביידע כוחות, דיבור און כתיבה.

ביי חסידישע רבי'ס בכללות זעהט מען אסאך די כח הדיבור, שמועסנדיג ביי די תורות און ביי פארשידענע צייטן, און ס'איז פארשריבן געווארן דורעך זייערע תלמידים. ווי למשל דער בעש"ט, דער מגיד, דער רבי ר' אלימלך, דער מאור עינים ועוד, געציילטע האבן יא געשריבן, ווי דער 'תולדות יעקב יוסף' דער 'ערבי נחל' דער 'אור המאיר' דער צמח צדק, וואס זיי האבן יא אליינס געשריבן.

**דער אייבישטער האט באשאפן א 'כח הדוחה' אינעם מענטש, א כח וואס שטופט ארויס די חידושים אינדרויסן, דער מענטש איז נישט סובל אז זיינע חידושים בלייבן פארמאכט אין אים, אבער די 'כח הדוחה' שטופט נאר ארויס איינמאל, אדער דורעך 'דיבור' אדער דורעך 'כתיבה'**

## • רבינו הגרח"ק בכתיבה

**רבינו הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל האט כמעט נישט פארגעלערנט קיין שיעורים, זיין הרבצת התורה איז געווען נאר דורעך שרייבן, ער איז געווען כל כולו שקוע אין שרייבן, סיי מיט זיינע ספרים, און אויך מיט ענטפערן אויף די מכתבים, וואס ער האט אוועק געגעבן פאר דעם גאנצע שעות אין טאג. ס'איז געווען א קורצע תקופה וואס ער האט אנגעפאנגען פארצולערנען ירושלמי, לע"נ זיין טאטע די סטייפלער זצ"ל, אבער ס'האט נישט צו לאנג אנגעהאלטן.**

**יעדער מרביץ תורה האט זיך זיין זאך, רבינו הגדול האט מרביץ געווען תורה אויף א מורא'דיגע פארנעם דורעך שרייבן, און במיוחד וואס ער האט געגעבן א מקום פאר אנדערע אויך, ארויסצוגעבן זייערע זאכן, אויף פארשידענע פאורמים.**

**ס'איז ידוע אז רבינו הגדול איז געווען א מורא'דיגע 'איש סדר', א כח הסדר וואס מ'טרעפט וויניג, יעדער בריוו האט ער גלייך מסדר געווען לויט די אלף בית, און יעדעס בריוו האט ער גלייך מעתיק געווען, וואס די דאזיגע כח איז מער פאסיג אויף צו שרייבן.**

**רבינו הגדול האט שוין אנגעהויבן צו שרייבן חידושי תורה, נאך אין די גאר יונגע יארן, און באמת זיין טאטע די הייליגע סטייפלער זצ"ל האט אים שוין אזוי מצווה געווען, אז זיין הרבצת התורה זאל זיין מיט'ן שרייבן דוקא, ווי דאס איז געווען די עיקר כח זיינער. אויך די הייליגע חזון איש זצ"ל איז באקאנט אז ער האט כמעט נישט גערעדט אדער פארגעלערנט, אלע זיינע הרבצת התורה איז געווען דורעך שרייבן, ווי די ספרים, און אויך די אגרות, וואס דאס איז געווען פאר רבינו זצ"ל די וועג ווייזער ווי אזוי צו גיין.**

# כללים ומושגים



### די מושגים 'חמדה' און 'תאוה'

ס'איז דא צוויי מושגים, 'תאוה' און 'חמדה', און דער הייליגער מהר"ל אין אסאך פלעצער (גור אריה דברים פרק ה פסוק יב, דרך חיים - פרק ו משנה ו, תפארת ישראל - פרק מה) איז מסביר אז 'תאוה' איז א נידריגע זאך, 'תאוה' איז וואס דער מענטש שלעפט זאכן צו זיך, אבער 'חמדה' איז א חשוב'ע זאך, 'חמדה' איז א געגלוסטעטע זאך בעצם.

אויך די מדקדקים (חשק שלמה השורשים אות א - שורש או: "וסבות החשק בדבר, שתים הנה. הא' מצד הנעימות והעריבות שבדבר, והב' מצד התועלת הנמשך ממנו. ויפול על החשק בדבר מצד נעימותו לשון 'חמדה', ויפול על החשק בדבר מצד תועלתו לשון 'תאוה'") זענען אזוי מבאר, אז 'חמדה' איז די נעימות און עריבות פונעם עצם, און 'תאוה' איז מער די חלק התועלת וואס דער מענטש וויל מושך זיין אדער נהנה זיין פון די זאך פאר זיך.

'חמדה' קען זיין צו זאכן וואס זענען 'נחמדים בעצם', זיי זענען נישט געווען אין זיין רשות, און גייען קיינמאל נישט זיין אין זיין רשות, נאר זיי בעצם דברים נחמדים. אבער 'תאוה' מיינט אלע מאל, אז מ'גלוסט צו אריין שלעפן די זאך צו זיך, אריינשלעפן צו זיך אין רשות אריין און ארויסנעמען פון דעם די מאקסימום תועלת וואס ס'איז נאר שייך.

'תאוה' איז א שלעפעדיגע און צועדיגע זאך, א זאך וואס שלעפט זאכן ממקום למקום, און וועגן דעם זאגן אונז די הייליגע חז"ל אז 'הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם', ער וויל אלעס שלעפן צו זיך, אבער זיי לאזען זיך דאך נישט שלעפן, ממילא ווערט א צורעדערניש, ס'איז אים מוציא מן העולם, ער האט נישט, נישט וואס ער האט, און נישט וואס ער וויל. אבער 'חמדה' איז מער א עצמיות'דיגע זאך, 'חמדה' זוכט נישט גארנישט צו טוישן, חמדה איז א דבר נחמד בעצם.

די מהר"ל זאגט אויף די משנה (אבות פרק ו משנה ו) 'אל תחמוד כבוד', אז היות 'חמדה' איז מער א רוחניות'דיגע זאך ווי תאוה, וועגן דעם האט עס א שייכות מיט כבוד, וואס איז מער א רוחניות'דיגער זאך. ריכטיג טאקע אויב דער מענטש איז מושך די כבוד צו זיך, ווערט עס תאוה, אבער כבוד כשלעצמו איז א דבר נחמד, נישט קיין דבר תאוה.

> **ס'איז דא צוויי מושגים, 'תאוה' און 'חמדה', און דער הייליגער מהר"ל אין אסאך פלעצער איז מסביר אז 'תאוה' איז א נידריגע זאך, 'תאוה' איז וואס דער מענטש שלעפט זאכן צו זיך, אבער 'חמדה' איז א חשוב'ע זאך, 'חמדה' איז א געגלוסטעטע זאך בעצם**

### חמדה געמישט מיט תאוה

און די עשרת הדברות שטייט 'לא תחמוד' אויף נישט גוטע זאכן, ווייל מ'רעדט פון 'חמדה' וואס איז געמישט מיט 'תאוה', אזוי ווי מ'זעהט קלאר אין פרשת ואתחנן ווי די תורה לייגט צו די לאו פון 'לא תתאוה'. אויך ביי די חטא עץ הדעת טרעפט מען די לשון 'חמדה' אויף נישט גוטע זאכן, און אויך דארטן איז פשט אז די 'חמדה' איז געמישט מיט תאוה, ווי די פסוק זאגט (בראשית ג ו) 'וכי תאוה הוא לעינים, ונחמד העץ להשכיל', אז די תאוה מישט זיך אריין פארגרעבט ער עס די איידלקייט פונעם 'חמדה'.

די דרך פקודיך (שם אות ב) ברענגט א שטארקע יסוד אין 'חמדה' בשם די אלשיך הקדוש, אז 'חמדה' איז נאר ווען מ'גליסט די זאך גופא וואס דער חבר האט, אבער טאמער גליסט מען צו האבן ענדליך צו וואס די חבר האט, ביי דעם איז נישט דא קיין 'לא תחמוד'. די דרך פקודיך איז דארט מפלפל אין דעם, אבער אזוי איז די פשטות הפוסקים אזוי ווי די אלשיך הקדוש, אז טאמער ס'איז נישט דא קיין חשש היזק פאר א צווייטן, נאר מ'וויל פשוט האבן ענדליכס צו וואס יענער האט, ביי דעם איז נישט דא קיין שום חשש פון חמדה.

און באמת אדרבא די עצם 'חמדה' איז דאך א גוטע זאך, די עיקר נאר עס זאל זיך נישט אריין מישן 'תאוה', אשר על כן דאס וואס גראדע האט ער עס געזען ביי יענעם, דארטן איז אים עס נתעורר געווארן, דאס איז נישט קיין חסרון, ער גליסט דאך נישט צו יענעמס, ער גליסט צו די עצם זאך.

אבער ווען ס'איז מיט 'תאוה', מ'גייט אריין אין יענעמס גבולות, מ'וויל האבן די חפץ גופא וואס דער חבר האט, דאן ווערט שוין די 'חמדה' קאליע, ווייל די ווילסט בכלל נישט די עצם זאך, די ווילסט בעיקר עס אוועק נעמען פון יענעם, וואס דאס מיינט אז די 'תאוה' האט זיך מתגבר געווען אויף די 'חמדה'.

און דאס איז אפילו ביי דברים רוחניים, ווי די דרך פקודיך (מצוה לח) שרייבט דארט, אז אויב גליסט מען צו קענען א 'מסכת' און דער צווייטער זאל דאס 'נישט' קענען, אויף דעם איז אויך דא די איסור פון 'לא תחמוד'. ווייל בשלמא אז די ווילסט קענען די מסכת, דאס איז א גוטע 'חמדה', די גליסט צו די עצם זאך גופא פון קענען א מסכת. אבער טאמער ווילסטו בעיקר אז יענער זאל נישט האבן, דאס איז שוין נישט קיין ריינע חמדה, דאס איז שוין געמישט מיט 'תאוה', דא ביסטו שוין איבער געגאנגען יענעמס גבולות.

## • די עצם הנפש איז א ליידיגע זאך

ס'איז באקאנט אז דער 'עצם הנפש' איז ווי א ליידיגע זאך, און ס'ווערט נישט באמערקט ביים מענטש, וויבאלד עס איז זייער פארדעקט מיט מחשבות און געפילן וכדו'. מחשבות און געפילן וואס קומען ארויף אויפן אויבער פלאך, זיי לויפן ארום א גאנצע טאג אינעם מענטש, ממילא איז כמעט נישט מעגליך אז דער מענטש זאל פילען און זעהן זיין 'עצם הנפש', עס ווערט ווי פארדעקט און באהאלטן פאר אייביג.

אין ספרים הקדושים ווערט די 'עצם הנפש' אנגערופען 'אין', ווייל דאס איז די מציאות פונעם עצם הנפש, א גארנישט. אויך להבדיל אלפי הבדלות ביי די חכמי אומות העולם ווייסט מען אז די 'עצם הנפש' איז ווי א ליידיגע זאק, כעין ווי א טונקעלע אדער ליכטיגע לופט (א ליידיגע גארנישט) וואס ווערט 'בדרך מקרה' אנגעפילט מיט מחשבות און געפילן, מחשבות און געפילן וואס לויפען ארום און פארדעקן זיין 'עצם'.

איינער פון די וועגן צו קענען מסביר זיין 'גאוה' און 'ענוה' איז, אז 'גאוה' וועט מיינען איינער וואס לעבט נאר מיט די מחשבות און געפילן, ער זעט נאר די מחשבות און געפילן פון זיינע הצלחות וכדו', וואס דרייען זיך ביי אים אין קאפ, ער לעבט נאר מיט דאס וואס קומט אים ארויף אויפן אויבער פלאך. און 'ענוה' וועט מיינען, אז ער גרינטעוועט אריין צו זיין עצם הנפש, ער זעהט א משהו טיפער, ער זעהט זיין עצם ווי זי איז 'אין', א גארנישט.

ביים געבוירן ווערן, פילט זיך יעדער מענטש ווי א גארנישט, ער האט דאך טאקע גארנישט, נאר צוביסלעך איז ער מער און מער מצליח, און ער פאנגט אן זיך צו פילן ווי א עפעס, זיין נפש ווערט אים שטערקער און שטערקער געוואנדן לפי זיין הצלחה, ער באקומט מער און מער 'קאנפידענץ', יעדעס ביסל הצלחה, נאך א משהו קאנפעדענץ. אבער די אלע זאכן זענען פשוט א חסד השם, צו קענען פארדעקן אביסל דעם 'עצם', ער זאל קענען אנגיין מיט'ן לעבן און נישט פילן ווי א גארנישט. אבער דער 'עצם' איז דא, ער איז נישט אוועק געגאנגען, ער איז דא פונעם געבוירן אן, און ער גייט בלייבען ביז הונדערט און צוואנציג.

א 'עניו' פארגעסט נישט פון זיין 'עצם הנפש', ער פארגעסט נישט פון די זמן ביפאר ער האט מצליח געווען, און ער פארגעסט נישט פון די זמן נאך זיין הצלחה, די הצלחה איז פשוט עפעס אינדערמיט, אבער ס'טוישט נישט די פארדעם און די נאכדעם, ס'טוישט נישט די 'עצם'.

## • ענוה אבער נישט עצבות

שטייט אין ספרים הקדושים אז מ'דארף אכטונג געבן ביי 'ענוה', אז מ'זאל נישט אריינפאלן אין 'עצבות'. ווייל ווען די הרגשה פון די 'עצם הנפש' איז צו שטארק אפען, ער שפירט צו שטארק זיין עצם טבע אז ער איז א גארנישט, דאן קען ער ווערן ס'טאק אין די מחשבה און אריינפאלן אין א 'עצבות'. ווי מ'זעהט אסאך מענטשן וואס זיי מיטשענען זיך אין עניני נפש, וואס אסאך מאל קומט עס, פון דעם וואס די עצם הנפש איז צו סאך אפען ביי זיי.

ס'איז באקאנט - און מ'זאגט עס אויך נאך פון ר' אביגדור מילער - אז די סיבה וואס א מענטש דארף ארבעטן, איז נישט נאר צו מאכן געלט, נאר פשוט צו פילן אז ער איז אין א מצב פון 'הצלחה'. אויב איז ער מצליח אין לערנען, אין עבודת השם, אשרי לו ואשרי חלקו, אבער טאמער נישט, מוז מען ארבעטן פשוט צו פילן אז מ'איז א 'איש מוצלח'. ווייל היות די נפש האדם בעצם, פילט אזא עצבות'דיגע פילינג, מוז מען ארבעטן, פשוט כדי דאס צו פארדעקן.

**מ'זאגט עס אויך נאך פון ר' אביגדור מילער - אז די סיבה וואס א מענטש דארף ארבעטן, איז נישט נאר צו מאכן געלט, נאר פשוט צו פילן אז ער איז אין א מצב פון 'הצלחה'. אויב איז ער מצליח אין לערנען, אין עבודת השם, אשרי לו ואשרי חלקו, אבער טאמער נישט, מוז מען ארבעטן פשוט צו פילן אז מ'איז א 'איש מוצלח'**

און דאס איז אויך די סיבה אז א מענטש האט א מורא'דיגע תענוג פון מאכן אסאך געלט, און אפילו מען האט שוין גענוג געלט אויף צו לעבן און חתונה מאכן די אייניקלעך, נאך אלץ האט מען א תענוג פון זאמלען געלט. ווייל געלט האט א מורא'דיגע חשיבות אין וועלט, ס'פארדעקט די שפלות האדם, די טבעיות'דיגע שפלות'דיגע פילינג אז מען איז א גארנישט. און נישט נאר געלט איז אזוי, נאר גאר אסאך זאכן וואס א מענטש טוט, האט א שייכות מיט דעם, צו פארדעקן די דאזיגע פילינג פון עצבות (עי' בספר הכשרת אברכים באריכות בענין זה).

און דאס איז בעצם א געוואלדיגע 'חסד השם', אז דער אייבערשטער איז מזמין פאר די מענטשהייט עפעס צו פארדעקן זייער שפלות'דיגע פילינג'ס. זאכן וואס זאלן פארדעקן די עצם הנפש אז דער מענטש זאל נישט אריינפאלן אין עצבות.

דוד המלך זאגט אין משלי 'ריש ועושר אל תתן לי הטריפני לחם חוקי', ער וויל נישט אהער אדער אהין, ער וויל אינדערמיט, 'הטריפני לחם חוקי'. 'עשירות' פארדעקט די עצם הנפש, ס'גייט אדורעך ימים ושנים און ער פילט קיינמאל נישט די טבעיות'דיגע פילינג די פילינג פון 'גארנישט', און פארקערט ביי 'עניות', ווערט די נפש צו סאך אויפגעדעקט. ממילא בעט דוד המלך 'הטריפני לחם חוקי', געב מיר אינדערמיט, אביסלע גאוה און אביסלע ענוה, אביסלע זאל די נפש זיין פארמאכט, און אביסלע אפן (און אביסל מער צו די 'ענוה' זייט, ווי די משנה זאגט אין אבות 'מאוד מאוד הוי שפל רוח', און וועגן דעם זאגט ער דעם לשון 'הטריפני לחם חוקי' והבן).

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com
לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+